**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון דעם אלוועלטליכן AIDS טאג**

***14 צענטראלע סטרוקטורן אריבער די סטעיט צו באלאכטן ווערן אין רויט אום פרייטאג, דעצעמבער 1, אוונט***

***גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע אנערקענענדיג אלוועלטליכער AIDS טאג; לייענט די פראקלאמאציע [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 14 צענטראלע סטרוקטורן אריבער ניו יארק וועלן באלאכטן ווערן אין רויט אום פרייטאג, דעצעמבער 1, אוונט אין אנערקענונג פון דעם אלוועלטליכן AIDS טאג.

"אויף אלוועלטליכער AIDS טאג טרויערן מיר נאך די וועם מיר האבן פארלוירן צו די עפידעמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר באעהרן אויך ניו יארקער וועלכע באקעמפן יעצט די קראנקהייט — אין די צייט וואס מיר האבן געמאכט פארשריט מיטן רעדוצירן HIV אינפעקציעס אריבער די סטעיט, ווייסן מיר אז עס נאך דא מער ארבעט צו טוהן. היינט פארפליכטן מיר ווידער אונזערע באמיאונגען צו ברענגען אן ענדע צו די עפידעמיע איינמאל פאר אלעמאל."

גאווערנער האקול האט אויך ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) דעקלערנדיג דעצעמבער 1 אלס אלוועלטליכער AIDS טאג אין ניו יארק סטעיט. אין די טעג בעפאר אלוועלטליכער AIDS טאג, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א [ביל](#) צו באשיצן מענטשן וואס לעבן מיט HIV פון דיסקרימינאציע אין לאנג-טערמיניגע קעיר אנשטאלטן (מושב זקנים א.ד.ג.), ארויפבויענדיג אויף עקזיסטירנדע שוץ מאסנאמען וועלכע זענען שוין אוועקגעשטעלט אין ניו יארק'ס מענטשן רעכטן געזעץ.

**סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אלוועלטליכער AIDS טאג איז א צייט צו צוריקקוקן אויף די וועלכע זענען פארלוירן געווארן צו די עפידעמיע צו פרי און צו זיכער מאכן אז זייער זכרון ווערט נישט פארגעסן פאר צוקונפטיגע דורות. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס איז געטוהן געווארן אונז צו נאענטער ברענגען צו אונזער ציהל פון ברענגען אן ענדע צו די עפידעמיע אין ניו יארק, אבער מיר האבן נאך מער צו טוהן צו טרעפן נייע און שעפערישע וועגן צו עלימינירן סיסטעמאטישע שטרויכלונגען און פארבעסערן געזעלשאפטליכע אומשטענדן וואס האבן א השפעה אויף די געזונטהייט פאר מענטשן וואס לעבן מיט דיאגנאזירטע HIV."

סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן רעכענע אריין:

- WTC1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן